**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/16/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## מער פון 100 ארגאניזאציעס אינדארסירן די ניו יארק געדיכטע האוזינג פלאן - גאווערנער האקול'ס פלאן צו אדרעסירן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס

מער פון 100 ביזנעס און ארגאניזאציע פירער פון אריבער די סטעיט האבן געלאזט הערן זייער שטיצע פאר די 'ניו יארק געדיכטע האוזינג' (New York Housing Compact) פלאן — גאווערנער האקול'ס ברייטע סטראטעגיע וואס איז אנאנסירט געווארן אין די עקזעקיוטיוו בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 צו אדרעסירן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס און צו אויפבויען 800,000 נייע הייזער אין די קומענדיגע צען יאר. דער פלאן בויט ארויף אויף די גאווערנער'ס חזון צו מאכן ניו יארק מער איינוואוינער-פריינטליך, מער צוגענגליך און מער אפּאָרדעבעל.

**ען-מארי גרעי, עקזעקיוטיוו דירעקטארין פון Open New York, האט געזאגט,** "דורכגעפאלענע פאליסיס האבן אונז אריינגעשלעפט אין אונזער פרעצענדענטלאזע האוזינג אפארדביליטי קריזיס, און אמביציעזע שריט פון אלע שטאפלען פון רעגירונג קענען אונז ארויסשלעפן דערפון. א מאנדאט-באזירטע פלאן פאר די גאנצע סטעיט וואס ברענגט אן ענדע צו אויסשליסנדע זאָנינג אויפפירונגען, מוטיגן מער געדיכטע האוזינג אין טראנספארטאציע-רייכע געגנטער און פארזיכערט אז אלע געגנטער טוהן זייער חלק צו פארמערן האוזינג געלעגנהייטן איז גאר וויכטיג צו קענען אדרעסירן די שורש פון די קריזיס און פארמערן די פארהאנלונג כוח פאר טענאנטס. עס איז שוין פון לאנג אריבער די צייט פאר אונזער סטעיט צו איינפירן א פלאן ווי די ניו יארק געדיכטע האוזינג."

**אלעקס ארמלאוויטש, סיניאר האוזינג פאליסי אנאליסט פון געזעלשאפטליכע פאליסי ביי די Niskanen Center, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול איז די ערשטע אין לעצטיגע היסטאריע צו רעאליזירן אז די וואוקס קאנטראל באגרעניצונגען וועלכע זענען ארויפגעלייגט נאך דעם צווייטן וועלט קריג אויף נייע הייזער אין שטעט האט געשאפן אן אומ'מסודר'דיגע פארשפרייטונג אפסטעיט און א האוזינג מאנגל דאונסטעיט. ברענגען אן ענדע פארבאטן פון נאך דעם קריג אויף אפארטמענטס נעבן טראנספארטאציע דאונסטעיט איז די איינציגסטע וועג צו ארויסבויען אונזער וועג פון די האוזינג מאנגל, און אין די זעלבע צייט אויך צוריקברענגען פאסאנזשירן פאר די MTA, באשיצן די ענווייראמענט פון טראנספארטאציע עמיסיעס און אפשטעלן די יארן-לאנגע פלוס פון ניו יארקער ארויס צו סטעיטס וואו עס איז גרינגער צו בויען, ווי טעקסאס, אריזאנע און פלארידע. מיר קענען זיך נישט צוריקבויען בעסער נאך קאוויד סיידן אויב מיר לעגאליזירן דאס בויען נאכאמאל, און די געדיכטע האוזינג פלאן וועט טוהן גענוי דאס."

**האווערד סלעטקין, עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון Citizens Housing and Planning Council, האט געזאגט,** "ווען עס זענען נישטא גענוג הייזער פאר יעדן, באצאלן אלע ניו יארקער מער, און דאס טוט ווי די וועלכע קענען זיך דאס ערלויבן די ווייניגסטע. די גאווערנער'ס געדיכטע האוזינג פלאן איז די ערשטע באמיאונג אין די מאדערנע תקופה צו נעמען שריט אויף די פארנעם וואס פעהלט זיך אויס צו ארומדרייען די לאנגע, שטאטע פארשטיקונג פון אונזער האוזינג סופליי. צו באהאנדלען די אנגעלעגנהייטן

ווי עפעס וואס איז נישט מעגליך צו קאנטראלירן אדער צו פארמיידן איז צו מודה זיין אז מיר האבן נישט גענוג א רייכע דמיון און קוראזש. אפילו די וועלכע זענען גוט באזעצט אין הייזער צווישן אונז קומען זיך דאס פאר די קומענדיגע דור פון ניו יארקער אז זיי זאלן האבן א פונקציאנירנדע סיסטעם וואס שטעלט צו די הייזער וועלכע זענען נויטיג צו קענען אויסהאלטן זייערע לעבנס. יעצט איז די עת לעשות."

**מייק קינגסעלא, CEO פון Up for Growth, האט געזאגט,** "מיר אפלאדירן גאווערנער האקול'ס ווייט-גרייכנדע פלאן צו אדרעסירן די האוזינג מאנגל אין ניו יארק וואס מיר האבן געפונען צו אנקומען צו א לאך פון 233,000 היימער אין 2019 – ארויף פון 162,000 אין 2012. די גאווערנער'ס פלאן שטעלט אוועק אמביציעזע ציהלן פאר דאס אויפבויען נאך היימער בשעת'ן ערלויבן לאקאלע קאמיוניטיס צו באשלוסן וויאזוי צו אמבעסטן פארמערן די האוזינג פראדוקציע. מיט די שטיצע פון קריטישע צוגעזאגטע פינאנצירונג און א קאנצעטראציע אויף דעוועלאפמענט וואס איז אריענטירט ארום טראנספארטאציע, וועט דאס אויך מאקסימיזירן די עקזיסטירנדע האוזינג סופליי, אוועקנעמען רעגולאטארישע שטרויכלונגען און גיבן באלוינונגען וועלכע מוטיגן דעוועלאפערס צו בויען גענוי די סארט הייזער וועלכע זענען גוט פאר די עקאנאמיע און פאר די קלימאט, און די פארשריט פון האוזינג גלייכקייט איבערן סטעיט."

**גייסטליכער פיטער קוּק, עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון New York State Council of Churches, האט געזאגט,** "פאר צו לאנג האבן אונזערע קאמיוניטיס אין ניו יארק ארויסגעגעבן אומערכטיגע און דיסקרימינירנדע זאָונינג געזעצן וועלכע האבן פארמיטן די דעוועלאפמענט פון אפאָרדעבעל הייזער פאר טענאנטס און אייגנטימער. די געדיכטע האוזינג פלאן איז א קריטישע טריט צו ארומדרייען יארן פון אריינגעבויטע ראסיסטישע פאליסיס און אזעלכע וועלכע דיסקרימינירן צווישן די געזעלשאפטליכע קלאסן, און די פאליסיס האבן פאראורזאכט גרויסע שאדנס צו אונזער עקאנאמיע און געצווינגען טויזנטע מענטשן צו פארלאזן די סטעיט אין זוכריי פאר מער צוגענגליכע האוזינג אפציעס. מיר ווילן א סטעיט האוזינג פאליסי וואס בויט קאמיוניטיס וואו יעדער ווערט ווארעם אויפגענומען."

**קארלאָו א. סיסורע, עסקוויייער, פרעזידענט און CEO פון New York Building Congress, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול'ס געדיכטע האוזינג פלאן איז אמביציעז, שעפעריש און מוטיגט וואוקס און שטאנדהאפטיגקייט. אונזער אינדוסטריע שטיצט פולשטענדיג איר אמביציעזע און גרייכבארע אגענדע און אירע פאליסיס וועלכע זענען אויסגעשטעלט צו אויפטרייבן סיי האוזינג און סיי ארבעטסקראפט אנטוויקלונג. די Building Congress האט בלויז די וואך גענומען א טיפערע בליק אויף איינס פון די פארשלאגן אין דעם פלאן, מיט אונזער דעטאלירטע באריכט איבער טראנספארטאציע-אריענטירטע דעוועלאפמענט וואס ציהלט פאר מער געדיכטע און פיסגייער-פריינטליכע געגנטער מיט הויכע צוטריט צו דזשאבס. מיר קוקן ארויס צו ארבעטן מיט די גאווערנער צו ברענגען דעם געדיכטע האוזינג פלאן צו פארווירקליכט ווערן פאר א בעסערע און שטערקערע ניו יארק."

**לאורע האַרדינג, פרעזידענט פון ERASE Racism, האט געזאגט,** "ERASE Rasicm שטיצט פולשטענדיגערהייט גאווערנער קעטי האקול'ס פארגעשלאגענע ניו יארק געדיכטע האוזינג פלאן וואס איז קריטיש זיך צו קענען נעמען צו סטעיט'ס שווערע האוזינג קריזיס. די גאווערנער'ס פלאן אדרעסירט די באדערפענישן פון א ברייטע רייע פון ניו יארקער, אריינרעכענענדיג צווישן אנדערע, עלטערע מענטשן וועלכע זוכן זיך צו אריבערציהען צו א קלענערע אפארטמענט און בלייבן אין זייערע קאמיוניטיס, 'עסענטשעל' ארבייטער וועלכע קענען נישט וואוינען וואו זיי ארבעטן, יונגע פראפעסיאנאלן וועלכע זוכן צו וואוינען אליין און בויען א לעבן אין די סטעיט און מענטשן וואס ארבעטן פאר א נידעריגע געהאלט צו בויען א לעבהאפטיגע צוקונפט פאר זיך. ניו יארק סטעיט דארף דעם ניו יארק געדיכטע האוזינג פלאן. די צייט צו טוהן איז יעצט."

**ענדרוּ ריין, פרעזידענט פון די Citizens Budget Commission, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול'ס פילפאכיגע סטראטעגיע האט די בארעכטיגטע ציהל צו פארשטערקערן האוזינג פראדוקציע

אריבער גאנץ ניו יארק, וואו דאס נישט בויען גענוג נייע הייזער האט פארערגערט סופליי און אפארדעבילעטי שוועריגקייטן. ניו יארק'ס צוקונפט וועט זיין די לעכטיגסטע ווען מיר אלע ארבעטן צוזאמען צו לייזן די האוזינג קריזיס. אנשטאט פארלאנגען באדייטנדע פובליק אינוועסטירונג, טוט דער פלאן קלוגערהייט אוועקנעמען שטרויכלונגען אויפן וועג צו פראדוקציע, עס ערלויבט צו אויסהערן די לאקאלע קאמיוניטי און שטעלט צו געציהלטע באלוינונגען צו שטופן דעוועלאפערס צו בויען געוויסע סארטן הייזער. די גאווערנער'ס צוגאנג וועט באדייטנד פארמערן פראדוקציע און פארמערן די מעגליכקייט זיך צו ערלויבן, וויכטיגערהייט העלפנדיג ניו יארק צו צוציהען און האלטן ביי זיך איינוואוינער און ביזנעס כדי מיר זאלן קענען בליהען צוזאמען."

**פילאר מאָיע-מאנסערא, עקזעקיוטיוו דירעקטארין פון .Housing Help Inc, האט געזאגט,** "מיט האוזינג אויפשטייגנדיג אלץ א הויפט זארג פאר ווילער און מיט די מערהייט פון לאקאלע רעגירונגען נישט וויליג זיך צו נעמען צו די רעפארם, פילן סטעיט און לאקאלע פאליסי געבער די דרוק פון זייערע בירגער וועלכע ווערן אויסגעשלאסן פון די מעגליכקייט צו זיין היים אייגנטימער און צוקוועטשט דורך וואקסנדע רענט. עס איז שווער צו רעדן ערנסטערהייט איבער די פרינציפ פון 'לאקאלע קאנטראל' וואס איז צו הייליג צו אנרירן ווען די פרינציפ האט אנטוישט טויזנטע לאנג איילענד איינוואוינער פאר די לעצטע מער-פון-20 יאר. באלוינונגען אליין וועלן נישט לייזן אונזער שווערע האוזינג קריזיס אן א מאנדאט פון די סטעיט, ווי עס האט זיך אויפגעוויזן דורך דעם דורכגעפאלענעם לאנג איילענד ארבעטסקראפט האוזינג געזעץ (LI Workforce Housing Act) פון 2008. אויסשליסנדע זאָונינג געזעצן שעדיגן די גאנצע ראיאן. עס פטר'ט אוועק די וועלכע האבן ווייניגער מיטלען צו פלעצער מיט ווייניג געלעגנהייטן און נישט געזונטע און אומזיכערע וואוינונג אומשטענדן. עס לייגט זיך נישט אויפן געוויסן אז אין די יאר 2023 מיינען די אנטי-פאמיליע, אנטי-היימער רעטאריק פון טייל געזעצגעבער אז קינדער וועלכע וואוינען אין געדינגענע הייזער זענען א לאסט אויף אונזער טאון'ס סקולס און אז עס קומט זיך זיי נישט גלייכע געלעגנהייטן. די סאָבאורבען שטעט זענען נישט נאר פאר די וועלכע האבן מיטלען. זיי זענען אויך פאר די ארימע און ארבייטער קלאס. די צייט צו בויען מער הייזער איז נאך נעכטן!"

**דען קענט, פרעזידענט און CEO פון Lantern Organization, האט געזאגט,** "אלץ א קביעות'דיגע נאָן-פראפיט שטיצנדע האוזינג ארגאניזאציע אין ניו יארק סיטי, האט Lantern Organization געשפילט א ראלע אין ניו יארק'ס לאנד'ס-פירנדע באמיאונג צו בויען פערמאנענטע שטיצנדע הייזער פאר צוגענגליכע פרייזן אין לויף פון די לעצטע דרייסיג יאר. טראץ די הצלחה, זענען היימלאזיגקייט און האוזינג אפארדעבילעטי נאר ערגער געווארן אין ניו יארק אין די צייט וואס זיי האבן זיך פארבעסערט אין אנדערע פלעצער ארום דעם לאנד. די סיבה דערפאר איז קלאר: ניו יארק'ס אויסשליסנדע זאָונינג פאליסיס האבן באגרעניצט דאס בויען היימער איבערן סטעיט. די איינציגסטע וועג צו לייזן אונזער אפארדעבילעטי און היימלאזיגקייט קריזיס איז צו בויען מער היימער. גאווערנער האקול'ס געדיכטע האוזינג פלאן וועט דאס מאכן מעגליך צו בויען נייע היימער אריבער די סטעיט."

**ען נעסינאוויטש, פרעזידענט פון NYS יושר'דיגע האוזינג נעטווארק (Fair Housing Network), האט געזאגט,** "די ניו יארק סטעיט יושר'דיגע האוזינג נעטווארק אפלאדירט גאווערנער קעטי האקול פאר איר איבערגעגעבנקייט צו אויסהיילן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס. די פאליסיס וועלכע זענען פארגעשלאגן געווארן אין איר 2023 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע וועלן ארויפלייגן ניו יארק אויף א וועג צו ברענגען אן ענדע צו די האוזינג מאנגל וואס שטערט יעצט די סטעיט'ס מעגליכקייט צו פעסטערהייט שטופן פאר יושר'דיגע האוזינג. די ניו יארק סטעיט יושר'דיגע האוזינג נעטווארק באשטייט פון זעקס פולשטענדיגע-סערוויס יושר'דיגע האוזינג ארגאניזאציעס. צוזאמען דינען די ארגאניזאציעס אין די נעטווארק 94 פראצענט פון ניו יארק'ס באפעלקערונג. אונזער ארבעט גיבט אונז ערשטהאנטיגע ערפארונג מיט די וועגן וויאזוי פאליסי קען שטערן אדער פאראויס רוקן די ציהל פון יושר'דיגע האוזינג פאר יעדן. מיר שטיצן די גאווערנער'ס צוגאנג פון ארבעטן מיט יעדע לאקאלע רעגירונג אין די סטעיט צו זיכער מאכן אז יעדע קאמיוניטי איז אפן און צוגענגליך פאר יעדן. צום באדויער האבן א רייע פון לאקאלע רעגירונגען גענוצט

זאָונינג, פלאנירונג און ענווייראמענטאלע געזעצן מיט ציהלן פון אויסשלוסן מענטשן דורכן בלאקירן קאנסטרוקציע פון כמעט אלע נייע הייזער. אין קאמיוניטיס אריבער ניו יארק איז די רעזולטאט דערפון געווען סעגרעגאציע און א מאנגל אין האוזינג גלעגנהייטן. די לאנג-טערמיניגע לייזונגען וועלכע זענען פארגעשלאגן געווארן מוזן צוזאמגעשטעלט ווערן מיט באלדיגע שריט צו פארלייכטערן די דרוק וואס איז פאראורזאכט געווארן דורך ניו יארק'ס האוזינג קריזיס. פאמיליעס אריבער די סטעיט דארפן נאך אפהיטונג, אריינרעכענענדיג פארברייטערטע יושר'דיגע האוזינג באשיצונגען, טעסטינג און אינפארסירונג. מיר זענען איינשטימיג מיט גאווערנער האקול אז 'האוזינג איז א מענטשן רעכט!' אירע פארשלאגן וועלן פארזיכערן די רעכט פאר מער מענטשן. די ניו יארק סטעיט יושר'דיגע האוזינג נעטווארק קוקט ארויס צו ארבעטן מיט די גאווערנער, סטעיט אגענטורן און סטעיט געזעצגעבער צו מאכן פארשריט אויף די פאליסיס צו פארברייטערן האוזינג געלעגנהייטן און שטופן פאר מער יושר'דיגע האוזינג פאר אלע ניו יארקער."

די פולע ליסטע פון ארגאניזאציעס איז ווי פאלגנד:

Adirondack Experience
Adirondack Health
Affordable Housing Partnership of the Capital Region
Albany Black Chamber of Commerce
Alliance for Manufacturing and Technology
Alternative Federal Credit Union
Amherst Chamber of Commerce
Arbor Development
Artport Kingston
Baldwin Richardson Foods
Bardavon Opera House
Bassett Healthcare
Belmont Housing Resources for WNY
Bronx Chamber of Commerce
Buffalo Urban League
Business Council of Westchester
BUSINESS FOR GOOD
Chez Lãa Reine Boutique
Citizens Housing and Planning Council
CJF Realty
Community Foundation of Oneida & Herkimer Counties
Community Loan Fund of the Capital Region, Inc.
Community Missions of Niagara Frontier, Inc
Construction Industry Council of New York Staate
CRFS, LLC
Designatronics
Destination Niagara
EAC Network
Edgemere Development Inc.
Ellicottville Brewing Company
ERASE Racism
Farmingdale State College

First Ward Action Council
Forme Medical Center
Fresh Catch
Gaetano Construction, a Division of A. Pike Company
Galesi Group
GAM I ENTERPRISES LLC
Genesis Group
GMDC
Golden Artists Colors
Greater Binghamton Realtors Association
Greater Rochester Chamber of Commerce
Greyston
Habitat for Humanity NYS
Habitat for Humanity, Capital District
Habitat NYC & Westchester
Hauppauge Industrial Association
Home HeadQuarters Inc.
Housing Help Inc.
Housing Opportunities Made Equal, Inc.
Hudson Valley Economic Development Corp
Ithaca Neighborhood Housing Services
JLD ADVISORY
JMC Marketing Communications & PR
Kearney Realty & Development
Konar Properties
Lahinch Group
Lantern Organization
LiveOn NY
LMN Printing
Long Island African Amercian Chamber of Commerce
M-Ark Project
Minority Millennials, Inc.
Mohawk Valley Association of Realtors
Mohawk Valley EDGE
Mohawk Valley Health System
Neighbors Link
New York Building Congress
New York State Fair Housing Network
New York Neighbors
New York State Association of Affordable Housing
New York State Council of Churches
Newlab
Niskanen Center
North Atlantic Industries
Northern Lights
NY Hospitality Group

Open New York
P.A. Environmental Corporation
Pal-O-Mine
Parkview Development
Partnership for New York City
People Inc.
Plati Niagara
Rabideau Corp
Regional Plan Association
Rochester Downtown Development Corp
ROOST - The Regional Office of Sustainable Tourism
Rosenblum Development Corp
Rosendale Theatre Collective
RUPCO, Inc.
Satur Farms LLC
Schuyler County Partnership
SEEQC
SolEpoxy
Soter Technologies, Inc.
South Bronx Overall Economic Development Corp
Southwest Brooklyn Industrial Development Corporation
TAP, Inc.
The ARC Lexington
The Building & Realty Institute of Westchester
The Community Builders
The Council of Industry
The Livia Equipment and Rental Networx Center, LLC, DBA The Learn Center
Three Rivers Development
Troy Rehabilitation & Improvement Program
Up for Growth
Unbroken Promise Initiative
United Way of Greater Rochester & the Finger Lakes
Universal Hip Hop Museum
Urban Fork
Westchester County Association
Westhab, Inc
Wolfspeed

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן